בעזהשי"ת

# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א
## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון פ"ה / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת דברים / מנחם אב תשפ"ה

## הרה"ק ר' יעקב יצחק זצ"ל החוזה מלובלין

### תשעה באב

הרה"ק ר' יעקב יצחק בן ר' אברהם אליעזר הלוי זצ"ל.

### הפלגות פונעם קאמארנער

ס'שטייט פון קאמארנער, אז דעם לובלינער'ס שורש נשמה איז געווען מסוף העולם ועד סופו, דער זעלבער שורש פון משה רבינו און פונעם אר"י הק'. ער האט זוכה געווען צו רוח הקודש. מ'האט נישט געזען בזמנינו כמוהו. פונעם בעל שם הק' עד ימיו איז נישט געווען אזא התגלות ווי ביים לובלינער!

### יראת שמים פון די יונגע יארן

דער טאהשער רבי זצ"ל האט דערציילט א מעשה און ער זאגט, אז ער האט געהערט דעם סיפור פון זיין טאטע, און ער דערציילט עס אזוי ווי ער האט עס געהערט: אלס קינד האט מען שוין געזען אויפן לובלינער אז ער איז א געוואלדיגער ירא שמים מיט אלע זיינע התנהגות'ן. זיין דאווענען איז געווען מורא'דיג, זיין ברכת התורה און זיין קרי"ש ליינען איז געווען מיט א געוואלדיגער יראת שמים.

### דער מלמד האט שוין דערקענט

אלס קינד האט ער געלערנט ביי א מלמד, און דער מלמד האט דערקענט אז ער וואקסט א גרויסער איד. צופרי איז ער געקומען צום זמן קבוע, אבער נאכמיטאג האט ער יעדן טאג פארשפעטיגט מיט א שעה. דער מלמד האט זיך זייער שטארק געוואונדערט, האט ער געפרעגט דעם קינד: "ווען דו קומסט אהיים איז דאס עסן נאכנישט גרייט?" האט ער געענטפערט: "יא, אלעס איז גרייט".

האט דער מלמד ווייטער געפרעגט: "אויב אזוי, פארוואס קומסטו שפעט יעדן טאג?" דאס קינד האט נישט געענטפערט. איין טאג איז דער מלמד געקומען צו די עלטערן, און זיי געפרעגט צי זיי ווייסן פארוואס ער קומט שפעט? האבן זיי געזאגט אז זיי האבן בכלל נישט געוואוסט אז ער קומט צוריק שפעט, יעדן טאג קומט ער אהיים באצייטנס, אלעס איז גרייט, ער עסט, און תיכף דערנאך גייט ער צוריק אין חדר.

אזוי דער מלמד האט דאס געהערט האט ער מחליט געווען אז ער גייט אים נאכקוקן. איין נאכמיטאג האט ער זיך באהאלטן נעבן דעם קינד'ס שטוב, און ווען דאס קינד איז ארויסגעקומען איז ער אים נאכגעגאנגען, האט ער געזען אז ער גייט ארויס פון דארף, דארט נעמט ער גראז וואס ווען דאס רירט צו צום גוף בייסט עס זייער שטארק, ס'עסט אויף דאס פלייש (אין אונגאריש האט דאס געוואוקס געהייסן 'טשילאנט'). ווען דאס קינד האט שוין געהאט שטארקע יסורים האט דער מלמד געהערט ווי ער רופט זיך אן צום אויבערשטן: "רבונו של עולם, אויב ס'איז ח"ו נגזר געווארן אויף א איד צו ליידן צרות, זאל עס מכופר ווערן מיט מיינע יסורים וואס איך לייד יעצט..." אזוויי ער האט געענדיגט מיט די ערשטע גראז, האט ער נאכאמאל גענומען גראז. אזוי האט ער געטון יעדן טאג פאר א שעה צייט, און דערנאך איז ער צוריקגעגאנגען אין חדר.

ווען דער מלמד האט דאס געזען האט ער פארשטאנען אז ער האט גאר א הויכע הייליגע נשמה, האט ער זיך געמאכט ווי ער זעט נישט אז דאס קינד קומט שפעט.

ס'איז דורכגעגאנגען אסאך יארן, מ'האט שוין געהערט איבעראל דעם גרויסן נאמען פונעם לובלינער. דער מלמד איז שוין געווען א זקן מופלג פון איבער די אכציג יאר, ער האט געוואוינט ווייט פון לובלין, ער האט געדענקט אז דער לובלינער איז זיינס א תלמיד, ער האט אבער נישט געהאט קיין כח צו פארן צו אים, האט ער מתפלל געווען צום אויבערשטן און געפאסט תעניתים אז ער וויל אים נאך טרעפן בחייו און באקומען א ברכה פון אים, ווייל ער האט פארשטאנען אז אויב ער וועט זוכה זיין צו באקומען א ברכה, וועט ער נאך זיין הונדערט און צוואנציג זוכה זיין גרינגערהייט אנצוקומען צו זיין מקום מנוחה.

דער אויבערשטער האט צוגעהערט זיין תפילה, און איינמאל ערב שבת האט זיך דער לובלינער אנגערופן צו זיינע תלמידים: "מן השמים האט מען מיר געהייסן אוועקפארן פון דא אויף שבת". ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג מיט א מנין תלמידים, און נישט געזאגט וואו מ'פארט. אזוויי מ'איז ארויסגעפארן האבן די פערד אנגעפאנגען לויפן מיט קפיצת הדרך. א שעה/צוויי פאר שבת זענען זיי אנגעקומען צו א שטאט, און זיך דארט אפגעשטעלט.

דער לובלינער האט געזאגט פאר זיינע תלמידים אז זיי זאלן פאר קיינעם נישט אויסזאגן ווער ער איז, יעדער זאל זיך גיין גרייטן אויף שבת מיט מקוה און זאגן שיר השירים, און נאכן דאווענען וועלן די שטאט-לייט זיי זיכער איינלאדענען אויף שבת, זאל יעדער גיין וואו מ'וועט אים רופן, און איך וועל גיין וואו מ'וועט מיך רופן.

כך הוה, מענטשן האבן געזען אז ס'זענען געקומען חסידים, און מ'האט געזען אויף זיי אז דאס זענען דערהויבענע מענטשן, האבן זיי זיך געפריידט, און נאכן דאווענען האט יעדער גערופן צו זיך א גאסט. איז געווען דארט אן אלטער איד - דער מלמד, וואס ער האט מאריך געווען בתפילה, און ווען ער האט געענדיגט האט דער לובלינער נאכנישט געהאט געענדיגט, האט דער אלטער איד געטראכט 'לאמיך איינלאדענען צו מיין טיש דעם גאסט'. ער האט געווארט אז דער לובלינער זאל ענדיגן וועט ער אים קענען איינלאדענען.

אויפן וועג אהיים פרעגט אים דער מלמד: "פון וואנעט קומט דער חשוב'ער גאסט?" האט ער געענטפערט 'פון לובלין', איז ער געווארן זייער נתרגש: "אוי, לובלין, איר קענט דעם רבי'ן פון לובלין?" זאגט דער לובלינער: "יא, אוודאי קען איך אים".

זאגט דער אלטער איד: "איך האב א געוואלדיגע השתוקקות אים צו זען, און איר קענט אים זען?!" און ער האט ממש אנגעהויבן וויינען פון התרגשות. און ער האט ווייטער געזאגט: "שוין א שטיק צייט וואס איך פאסט אז איך זאל זוכה זיין צו זען דעם רבי'ן".

אזוי איז אויך געווען שבת בייטאג, דער לובלינער האט געגעסן ביי דעם אלטן איד, און ער האט ווייטער אנגעפאנגען צו רעדן פון זיין תלמיד דער לובלינער וואס איז אויסגעוואקסן אזוי גרויס, און ווי ווייט ער איז משתוקק אים צו זען.

ביי של"ס האט זיך דער לובלינער מגלה געווען פאר אים אז ער איז דער רבי פון לובלין, און דער לובלינער האט געהייסן אלע תלמידים זיך צאמקומען צו אים אין שטוב. מ'האט געמאכט של"ס מיט א געוואלדיגע התרוממות. אזוי איז אויסגעקומען אז דער מלמד וואס האט אזוי שטארק געבעטן דעם אויבערשטן איז נתקבל געווארן תפילתו, אז ער האט געזען זיין תלמיד וואס יונגערהייט האט ער שוין געזען אויף אים אז ער וועט אויסוואקסן אזוי גרויס.

## די סיגופים מיט א בלאט גמרא

אגב: אז מ'רעדט שוין פון די סארט גראז, האב איך געהערט אמאל אויף א טעיף פונעם קלויזנבורגער רב זצ"ל, וואס האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער הרה"ק ר' הערשל רודניקער זצ"ל - א זון פון הרה"ק מגארליץ זצ"ל, זיין פאטער האט עס געהערט פון זיין פעטער דער דוקלא רב הרה"ג ר' אביגדור האלבערשטאם ז"ל - א ברודער פונעם צאנזער רב, וואס ער איז געווען א גאון עולם. האט ער דערציילט אזוי: דער דוקלא רב האט אליין געזאגט אויף זיך: "איך האב געפאסט משבת לשבת, געגעסן של"ס און געפאסט ביז די קומענדיגע וואך שבת ביי קידוש. איך בין ארומגעגאנגען די וועלט נע ונד, אפגעריסן און אפגעשליסן, און געקלאפט אויף די טירן פאר נדבות, א האלבע יאר האב איך נישט געטוישט קיין העמד און קיין וועש. איך האב זיך געשמיסן מיט בריעכט"ס (דאס איז די זעלבע סארט גראז)". האט דער קלויזנבורגער רב מסביר געווען, אז דאס זענען אזעלכע ברענעדיגע גראז, וואס ווען ס'רירט צו צו פלייש ווערט עס רויט און אן אנטצינדונג.

ער האט מסביר געווען, אז פארצייטנס פלעגן חסידים ואנשי מעשה, גרויסע אידן, דאס לייגן אונטערן העמד און אויפן פיס ביז ס'איז געשוואלן געווארן... מ'האט זיך געפייניגט מיט סגופים. האט דער דוקלא רב אויסגעפירט: "און איך זאג, אז דעם בחור (דער יצר הרע) קען מען נישט בייקומען נישט מיט קיין תעניתים, נישט מיט קיין בריעכט"ס, און נישט דורכן גיין צו טירן, נאר מיט א בלאט גמרא תוס'!"

## דער דוקלא רב האט געמעקט

אגב, אז מ'רעדט פון דוקלא רב, האב איך געהערט אמאל אויף א טעיף פון הרה"ק ר' יענקעלע זצ"ל, אז ס'שטייט אז אלע מעשים וואס א מענטש טוט ווערט אויפגעשריבן אויף די שטערן, וועגן דעם שטייט אין זוהר הק' און אין ראשית חכמה, אז מיט די טרערן פון די בכיות פון תשובה זאל מען אפוואשן די שטערן, אזוי ווערט אויסגעמעקט די עבירות. האט ר' יענקעלע דערציילט אז דער דוקלא רב איז אמאל צוגעגאנגען צו זיין ברודער דער צאנזער רב און געזאגט: "ברודער לעבן, ליין מיר אפ מיין שטערן". האט דער צאנזער רב גענומען א ליכט [זעט זיך אויס אז ס'איז געווען ביינאכט], געקוקט אויף זיין שטערן, און זיך אנגערופן: "געשריבן און געמעקט..." אז ער האט תשובה געטון איז עס געווארן אויסגעמעקט.

## א צאמשטעל פון 'יצחק' און 'יעקב'

די רביצין פונעם לובלינער איז געקומען פון אן אנדערע מדינה, און ווען דער לובלינער האט חתונה געהאט האט ער געהאט פראבלעמען מיט די פערמיטן אריבערצוגיין די גרעניצן, האט מען געהאט אפגעמאכט אז מ'וועט מאכן די חתונה אינמיטן וועג. האט דער בדחן געזאגט בדרך הלצה: ביי יצחק אבינו שטייט, אז זיין זיווג רבקה איז געקומען צו אים. ביי יעקב אבינו טרעפט מען, אז ער איז געגאנגען צו זיין זיווג - צו לבן. "אונזער חתן האט ביידע נעמען 'יעקב יצחק', ממילא מאכט מען די חתונה אינמיטן, ער גייט אביסל צו איר, און זי קומט אביסל צו אים..."

## די שפיץ פינגער איז גענוג

הרה"צ ר' הערש אלימלך האלבערשטאם שליט"א דער בארנוב'ער רבי פון מאנסי האט דערציילט, וואס ער האט געהערט פון זיין זיידע דער קיוואשדער רב זצ"ל: די רביצין פון לובלינער האט אמאל געדארפט האבן סחורה צו מאכן א מלבוש פאר זיך, זי האט זיך נישט געטרויעט אריינצוגיין צו איר מאן בעטן געלט פאר דעם, האט זי געבעטן זיין תלמיד דער ראפשיצער רב זצ"ל, ער זאל אריינגיין בעטן געלט פאר איר.

דער ראפשיצער רב איז אריין צוזאמען מיט זיין זון הרה"ק ר' אליעזר'ל דזיקוב'ער זצ"ל, און געזאגט פארן לובלינער אז די רביצין בעט געלט פאר סחורה. פרעגט דער לובלינער: "וויפיל געלט דארף זי האבן? זי איז א קורצע אדער א הויכע?" ר' אליעזר'ל דזיקוב'ער האט זיך צעשמייכלט אז דער לובלינער ווייסט נישט ווי הויעך די אייגענע רביצין איז. האט זיך דער לובלינער אנגערופן: "יונגערמאן, פארוואס לאכסטו? אפשר ווייל ס'שטייט 'אסור לקדש' - אז מ'טאר נישט מקדש זיין א פרוי ביז מ'וועט איר זען? קען מען דען נישט יוצא זיין מיט די שפיץ פינגער?..."

## גע'חלש'ט אלס בטלן

ס'איז באקאנט און ר' ישראל ראזנצווייג ברענגט עס אין אוצר ישראל, אויך דער טאהשער רבי זצ"ל האט עס דערציילט: אז דער גרויסער מגיד האט געדאווענט אין אן עקסטערע שטוב, און ביי 'אין כאלקינו' האט ער אריינגערופן א מנין. דער לובלינער האט געהאט חשק אריינצוגיין צו זיין פון דער מנין, אבער דער גרויסער מגיד האט אלץ אנגעזאגט אז 'דעם לובלינער זאל מען נישט אריינלאזן, ווייל ער איז א בטלן...'

איינמאל האט ער זיך שטארק איינגעבעטן און ער איז אריינגעגאנגען. אזויווי ער איז אריינגעקומען האט ער גע'חלש'ט. האט דער גרויסער מגיד געזאגט: "איך האב געזאגט אז ער איז א בטלן..."

שפעטער האט ער דערציילט פארוואס ער האט גע'חלש'ט, ווייל אזוי ווי ער איז אריין האט ער געזען ווי די גאנצע פמליא של מעלה איז אראפגעקומען צו הערן וויאזוי דער גרויסער מגיד זאגט 'אין כאלקינו'.

## נאר דער ראש ישיבה האט געוואוסט

דער טאהש'ער רבי זצ"ל האט דערציילט: אז דער לובלינער איז געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי ר' אלימלך זצ"ל [דער רבי שליט"א זאגט אלץ אז די פיר תלמידים פונעם רבי'ן ר' אלימלך, דער לובלינער זצ"ל, הרה"ק ר' מענדיל רימינובער זצ"ל, דער קאזניצער מגיד זצ"ל און דער אפטער רב זצ"ל, האבן זיך צעטיילט מיט די מידות פון ר"ר אלימלך. דער אפטער רב האט גענומען די מויל - ער פלעגט אלץ זאגן גוזמאות (צדיקים האבן געזאגט אז ער האט א גאלדענע וואגשאל אין זיין מויל), דער קאזניצער מגיד האט איבערגענומען די חוש הריח - ער פלעגט קענען שמעקן ממש שלא כדרך הטבע. ר' מענדיל רימינוב'ער האט איבערגענומען די הארץ, און דער לובלינער האט איבערגענומען די אויגן, און אלס דעם האט ער געהייסן 'חוזה']. נאך די חתונה האט ער צוויי יאר געלערנט אין דער ישיבה פון הרה"ק ר"ר שמעלקא פון ניקלשבורג זצ"ל, דעמאלס האט ער שוין זוכה געווען צו געוואלדיגע מדריגות, אבער ער האט זיך זייער באהאלטן, און די חברים פון ישיבה האבן נישט געוואוסט אים צו שעצן ווי עס דארף צו זיין, אבער ר"ר שמעלקא האט יא געוואוסט.

אמאל האט ער אים געזאגט: "ווער דו ביסט, ווייס נאר איך און דער אויבערשטער".

## דער נסיון פון 'לך לך'

ר' יענקעלע פון פשעווארסק האט דערציילט: דער לובלינער האט געוואוינט אין לאנצוט, וואס איז נישט ווייט פון ליזענסק, און אינעם שטאט טידזשט (נעבן ריישא) האט געוואוינט א איד פון די חבריא קדישא פונעם ר"ר אלימלך, וואס ער פלעגט אלץ זאגן תהלים. מ'האט אים גערופן 'דער תהלים זאגער'. פון זיין תהלים זאגן איז באשאפן געווארן א מלאך [אזויווי אויפן 'בית יוסף' זאגט מען אויך אז ער האט געהאט א מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון לערנען אסאך משניות].

האט דער תהלים-זאגער אמאל געזאגט פארן לובלינער, אז דער מלאך האט אים געזאגט אז ער זאל זיך שוין אוועקציען פונעם שטאט לאנצוט, כדי ס'זאל נישט שאטן פאר דאס אריכות ימים פונעם רבי'ן ר' אלימלך.

דער לובלינער האט גלייך צאמגעפאקט זיינע זאכן, און צוזאמען מיט די משפחה איז ער ארויף אויף א וואגן און אוועקגעפארן, נאך איידערן וויסן וואו צו גיין. זיי זענען אנגעקומען צו א שטאט, האט ער אראפגעלייגט זיינע זאכן און געגאנגען אין ביהמ"ד. נאך שחרית האט ער געבעטן דעם משמש ער זאל נישט פארשפארן דעם טיר, אבער דער משמש האט נישט מסכים געווען. האט ער אים געבעטן: "שפאר צו דעם טיר ביז מנחה, און איך וועל בלייבן אינעווייניג". דער משמש האט מסכים געווען און צוגעשפארט.

פלוצלינג האט דער לובלינער געזען א הויכער מענטש שטיין פאר אים, ער איז געווארן דערשראקן, ווייל ער האט דאך געוואוסט אז דער טיר איז צוגעשפארט. האט זיך דער הויכער מענטש אנגערופן: "דו ווייסט ווער איך בין? איך בין דער צו וועמען דער אויבערשטער האט געזאגט 'לך לך מארצך' (אברהם אבינו), און היות דו האסט געהאט אזא סארט נסיון ווי מיר, אוועקצוגיין פון א באקוועמע מסודר'דיגע וואוינונג, האסטו זוכה געווען מיר צו זען".

ר' יענקעלע האט געזאגט אז ער האט געהערט די מעשה פון קאלשיצער רב, און ער האט געזאגט אז דער לובלינער האט געזען אברהם אבינו מיט א ספאדיק, מיט א חסיד'ישע לבוש.

ווי באקאנט פלעגט ר' יענקעלע אלץ צולייגן זיינע אייגענע סברות, האט ער געזאגט: "איך זאג מסברא, אז אויב דער חת"ס וואלט געזען אברהם אבינו, וואלט ער אים זיכער געזען אין א פרעשבורגער היטל..."

## דער ויכוח מיטן אייזענעם קאפ

נאך האט ר' יענקעלע דערציילט: אז ווען דער לובלינער האט געוואוינט אין לובלין, איז דער ראש בי"ד פונעם שטאט געווען הרה"ג ר' עזריאל הארוויץ זצ"ל, מ'האט אים גערופן 'דער אייזערנער קאפ', ער איז געווען א גרויסער מתנגד.

אמאל האט ער געזאגט פארן לובלינער ער זאל זאגן פאר זיינע חסידים אז ער איז גארנישט, ער איז נישט ראוי צו פירן קיין חסידים, ממילא וועלן זיי אויפהערן צו קומען צו אים. דער לובלינער איז געווען א געוואלדיגער שפל ברך, האט ער מסכים געווען, און געזאגט פאר די חסידים אז זיי זאלן מער נישט קומען צו אים, ער איז נישט ראוי צו פירן קיין עדה.

פארשטייט זיך אז ס'האט נישט געהאלפן, ווייל זיי האבן פארשטאנען אז דאס איז א חלק פון זיין שפלות און ענוה. האט דער אייזערנער קאפ געזאגט: "זעט זיך אויס אז די חסידים קומען, ווייל זיי האבן ליב איינער וואס האלט זיך במידת ענוה. זאל דער לובלינער זאגן פארקערט 'איך בין א גרויסער מענטש און א גרויסער גאון', אז זיי וועלן זען אז ער האלט זיך יא גרויס וועלן זיי אויפהערן צו קומען".

האט דער לובלינער געענטפערט: "קיין ליגנט וועל איך נישט זאגן..."

## עבודת השם אין יעדער מצב

ס'שטייט אין כתבי קודש, אז דער לובלינער האט אמאל נאך די הייליגע טעג געזאגט, אז ער ווייסט יעדעם איינעמ'ס בקשה וואס זיי האבן געבעטן, און אויך וואס מ'האט געענטפערט מן השמים אויף זיין בקשה. איז איינער צוגעקומען און געבעטן אז דער רבי זאל אים זאגן וואס ער האט געבעטן און וואס מ'האט געענטפערט דערויף. האט דער לובלינער געזאגט: "דו האסט געבעטן, אז אזויווי דו ארבעטס אגאנצע וואך, און במשך די וואך פארדינסטו צען גאלדענע רענדלעך, און דאס געלט קומט אן צו דיר ערשט אום דאנערשטאג, האסטו שטארקע יגיעות און טירדות און ביסט זייער פארנומען, פארדעם קענסטו נישט דאווענען און לערנען געהעריג. האסטו געבעטן דער אויבערשטער זאל מאכן אז די צען רובל זאלסטו פארדינען שוין אנפאנג וואך, במילא וועסטו האבן אגאנצע וואך וואס דו וועסט קענען רואיג דאווענען און לערנען".

האט דער לובלינער געזאגט: "אינמיטן דאווענען האסטו זיך מיישב געווען, אז דו קענסט באשטיין צו פארדינען ווייניגער, אפילו נאר אכט רענדלעך, אבי זאלסט האבן אלעס אנפאנג וואך".

האט דער איד געזאגט: "גערעכט, דאס איז טאקע געווען מיין בקשה". און ער האט געפרעגט פונעם לובלינער: "און וואס האט מען געענטפערט אויף מיין בקשה?"

האט דער לובלינער געזאגט: "בשעת דו האסט מוותר געווען אויף די צוויי רובל האט מען געלאכט אין הימל פון דיר, דער אויבערשטער האט דען ווייניג געלט צו געבן, אז דו דארפסט מוחל זיין אויף די צוויי רענדלעך? און דאס וואס דו האסט געבעטן אז דו ווילסט עס האבן אנפאנג וואך, כדי דו זאלסט זיין רואיג. טאקע דאס וויל מען פון הימל, אז אגאנצע וואך זאלסטו זיין צערודערט, און אזוי דינען דעם אויבערשטן"..!

## שוואכע אויגן אבער שטארק ברוחניות

דער לובלינער האט געהאט פארבונדן זיינע אויגן פאר זיבן יאר, און אלס רעזולטאט איז זיין ראיה שוואך געווארן. דאס איז אבער נאר געווען בגשמיות, אבער ברוחניות איז דאך באקאנט זיין שטארקע ראיה.

## האלט אלעס מיט פונדערווייטנס

ס'שטייט פון ר' מאטל סלונימער זצ"ל, אז אין צפת איז געווען דער רב הגה"ק ר' שמואל העלער זצ"ל (ער איז געבוירן געווארן אין שטאט לובלין). זיין פאטער איז געווען ביים לובלינער נאכדעם וואס ער האט שוין געוואוינט אין א"י. איינמאל איז ער אריין צום לובלינער און זיך אפגערעדט אז ס'איז שוין א לאנגע צייט וואס ער האט נישט באקומען קיין בריוו פון זיין משפחה פון א"י, און ער איז באזארגט וואס ס'טוט זיך דארט. האט אים דער לובלינער געזאגט: "יעצט איז זיין רביצין געקומען פון מארק, זי האט געברענגט מיט זיך אזויפיל צוויבל, אזויפיל אוגערקעס". ער האט אים פונקטליך אויסגערעכנט יעדע זאך וואס זי האט איינגעקויפט, און ער האט ווייטער געזאגט: "דיין טאכטער האלט יעצט א גלאז קאווע".

האט דער לובלינער אויסגעפירט: "פארוואס דערצייל איך דיר דאס, ווייל איך וויל אז ווען דו וועסט אהיימפארן קיין א"י זאלסטו נישט מיינען אז איך וועל נישט וויסן וואס דו טוסט דארט".

## געשריבן ביז ה' ניסן

ס'שטייט אין 'אגרא דכלה' (פרשת פקודי), אז די ערשטע טעג פון חודש ניסן איז קעגן אגאנצע חודש, דער ערשטער טאג איז קעגן חודש ניסן, די צווייטע טאג קעגן חודש אייר, און אזוי ווייטער.

שטייט דארט, אז דער לובלינער האט דעם ערשטן טאג פון ניסן געשריבן וואס ס'וועט זיין דעם גאנצן חודש, דעם צווייטן טאג האט ער געשריבן פון חודש אייר וכו', און דאס לעצטע יאר פון זיין הסתלקות האט ער געשריבן נאר ביז חודש אב, און טאקע תשעה באב איז ער נסתלק געווארן.

## מיטגעהאלטן די שמחה אין מירון

אויך האט ר' מאטל סלונימער דערציילט: אמאל איז א איד פון א"י געקומען צום לובלינער, ער האט געהייסן ר' פרץ - זעט זיך אויס ס'איז געווען ל"ג בעומר - האט אים דער לובלינער געפרעגט: "וויאזוי גייט עס ביי ענק אין מירון? ס'איז דארט פריילעך?"

האט ר' פרץ געענטפערט: "ווער ס'איז נישט דארט געווען, קען זיך נישט פארשטעלן די שמחה און התרוממות וואס מ'פילט דארט!" האט דער לובלינער גענומען א פאטשיילע און אריבערגעפירט זיין פנים, און ער האט גלייך געזען ווי ער שטייט אין מירון, און געזען די געוואלדיגע שמחה ווי מ'זינגט און מ'טאנצט. פון גרויס התלהבות האט ר' פרץ אנגעהויבן קלאטשן מיט די הענט. אזוי איז געווען אפאר מינוט, דערנאך האט דער לובלינער נאכאמאל דורכגעפירט די פאטשיילע זיין פנים און ער האט מער גארנישט געזען.

## מרמז געווען דעם שם פון קפיצת הדרך

ס'שטייט אין מהרי"ד פונעם פריערדיגן בעלזא רב אין פרשת חיי שרה: אז דער לובלינער איז אמאל מכובד געווארן מיט סנדקאות ערב שבת, איז ער געפארן מיט זיינע תלמידים צום ברית. אויפן וועג צוריק איז געווארן שפעט, און די פערד האבן איינגעזונקן אין בלאטע, אז מ'האט נישט געקענט פארן ווייטער.

די חסידים האבן מורא געהאט אז מ'זאל ח"ו נישט צוקומען צו חילול שבת, האט זיך איינער פון די תלמידים אנגערופן צום לובלינער, אז דער רבי זאל זאגן דעם שם פון קפיצת הדרך. האט זיך אנגערופן דער לובלינער: "יא, ווער קען היינט?" אזוויי ער האט געזאגט די פיר ווערטער זענען די פערד גלייך ארויס פון די בלאטע, און מ'איז אנגעקומען אינדערהיים אינצייט פאר שבת.

דער פשט דערפון איז, ווייל די ר"ת פון די פיר ווערטער 'יא ו'ווער כ'ען ה'יינט, זענען די ס"ת פון כ' מלאכי'ו יצו'ה ל'ך - וואס דאס איז דער שם פון קפיצת הדרך.

## פארציילט זיין לעבן אין פיר און צוואנציג ווערטער

הגה"ק ר' שמואל העלער זצ"ל איז געווען דער רב פון צפת, ער איז געבוירן געווארן אין לובלין.

ר' שמואל האט דערציילט, אז אמאל האט אים דער לובלינער דערציילט א קורצע מעשה פון פיר און צוואנציג ווערטער, און ער אלס יונגל האט נישט פארשטאנען די כוונה פון די מעשה, דאך האט ער זיך עס איינגע'חזר'ט. האט ר' שמואל געזאגט: "במשך אלע יארן האט ער איינגעזען, אז אין דעם סיפור זענען מרומז אלע געשעענישן וואס זענען אים דורכגעגאנגען במשך זיין לעבן".

## נישט געקענט זינגען

דער לובלינער איז געווען א לוי, אן אייניקל פון קרח, ער פלעגט זאגן: "דער הייליגער זיידע קרח".

שרייבט דער מונקאטשער רב אין 'דברי תורה', אז דער לובלינער האט בטבע נישט געקענט שיין זינגען, האט ער זיך אזוי אפגערעדט אויף זיך, אז ער קען נישט דאווענען פארן עמוד און ער קען נישט זינגען, און ס'שטייט דאך 'כבד את ה' מהונך - מגרונך'. האט ער געזאגט: "אונז זענען לוויים, אויב איך וואלט געקענט שיין זינגען, וואלט איך מיט מיין זינגען געקענט מעורר זיין, ביז ס'וואלט געווארן א חשק אין הימל אויפצובויען דעם ביהמ"ק, כדי אונז זאלן זינגען דארט מיט די לוויים!"

## די זייגער קלינגט מיט שמחה

הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א האט דערציילט, אז דער ראדאשיצער זצ"ל איז אמאל געווען אונטערוועגס און איז איינגעשטאנען אין אן אכסניא, וואו עס האט געהאנגען א זייגער אויפן וואנט. צופרי האט ער געפרעגט דעם בעל אכסניא פון וואו ער האט דעם זייגער? האט דער בעל אכסניא געזאגט, אז אמאל איז דא דורכגעפארן הרה"ק ר' יוסל טורטשין זצ"ל - א זון פונעם לובלינער (דער שווער פון הרה"ק ר' מנחם נחום מאקארוב'ער זצ"ל). האט זיך געמאכט א גרויסע רעגן אז ר' יאסל טורטשינער האט געמוזט דא בלייבן, איז ער איינגעשטאנען ביי מיר, ער האט אבער נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן פאר די אכסניא, האט ער געהאט א בגד פונעם טאטן און מיט דעם האט ער מיר געוואלט באצאלן. אבער דער בעל אכסניא האט געזאגט אז ער דארף עס נישט האבן. האט ער געוואלט געבן זיין שטעקן האט ער אויך נישט געוואלט, ביז ער האט געזאגט אז ער האט א זייגער, דאס האט דער בעל אכסניא שוין מסכים געווען צו נעמען, און דאס איז געווען דער זייגער פונעם לובלינער.

האט דער ראדאשיצער געזאגט: "יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס איך האב אגאנצע נאכט נישט געקענט שלאפן, ווייל געווענליך יעדע זייגער קלינגט טרויעריגע קלאנגען, ווייל יעדע מינוט וואס עס גייט דורך איז נאך א מינוט נענטער צום שטארבן חלילה. דער זייגער אבער, האט געקלונגען מיט א שמחה אז ס'איז נאך א מינוט נענטער צו ביאת המשיח!"

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל בקרוב שוין זוכה זיין צו ביאת משיח, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

# זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל

עריכת גליון סיפורי צדיקים **מהרה"ק הלובלינער** זצ"ל
נתנדב ע"י נכד המספר
מו"ה **יוסף אונגער** הי"ו
(ב"ר יששכר יואל)
זכות הצדיקים יגן עליו ועל משפחתו
להתברך בני חיי ומזוני רויחי וכל מילי דמיטב

הפצת סיפורי צדיקים **מהרה"ק הלובלינער** זצ"ל
נתנדב ע"י הנדיב והנכבד
**הרוצה בעילום שמו**
זכות הצדיקים יגן עליו ועל משפחתו
להתברך בני חיי ומזוני רויחי וכל מילי דמיטב


להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658
עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865 צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com